# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



פ' תצא
תשע"ט לפ"ק
גליון פ"ו

## שאלה

### וויאזוי זאל א מענטש ערפילן "בחינה", צו זען דעם אויבערשטן דורך דער נאטור? פון אייגענע אבזערוואציעס אדער פון דרויסנדיגע מקורות?

## ענטפער:

איך וועל ענטפערן די שאלה – אבער צום ערשט א הקדמה: "בחינה" איז דער לימוד פון נאטור; אפצולערנען די וועלט ארום אונז, וואס ווערט אונטערגענומען כדי צו אנערקענען די **חכמה** און **חסד** פון השי"ת. און לויט'ן חובת הלבבות אין "שער הבחינה" איז עס גאר א וויכטיגע פונקציע אין אונזער לעבן.

ווען מען עסט אן אראנדזש, דארפן מיר קוקן אויפ'ן אראנדזש און זאגן, "קוק אויף דעם; פארוואס איז די דרויסנדיגע חלק פון די שאלעכטס אזוי הערליך קאלירט, בשעת די אנדערע זייט פון די שאלעכטס האט בכלל נישט קיין קאליר? פארוואס געשעט קיינמאל נישט אז געוויסע אראנדזשעס זאלן צופעליג זיין מיט א הערליכע גאלדענע קאליר אויף די אינעווייניגסטע זייט פון די שאלעכטס און אינדרויסן זאל עס זיין פשוט, אן קיין קאליר?" עס געשעט אבער קיינמאל נישט. אייביג איז די הערליכע קאליר אויף די דרויסנדיגע זייט.

פארוואס איז א וואסער-מעלאנע אזוי הערליך שטארק-גרין פון אינדרויסן, און אויף די אנדערע זייט פון די שאלעכטס איז נישט דא קיין קאליר? פארוואס האט דער נוס – דער העזלנוס – א הערליכע מעהאגאני גלאנץ פון אינדרויסן, אבער אינעווייניג איז עס שטומפיג און אומקאלירט?

איז מיר זעען אז די ציל איז צו **צוציען מענטשן**. די קאליר מאכט דיר מער אינטערעסירט זיי צו עסן. עס אדווערטייזט אז ס'איז רייף. מען זעט א וואונדערליכע זאך דא – ס'איז דער יד השם; די **חכמת השם** – די קלוגשאפט פון השי"ת, און די **חסד השם**, די גוטסקייט פון השי"ת.

עס איז א גרעסערע הנאה צו עסן אן אראנדזש וואס איז לעבטיג קאלירט ווי אן אראנדזש וואס האט בכלל נישט קיין קאליר. שטעלט אייך פאר אלע אראנדזשעס וואלטן אויסגעקוקט ווי פאטעטעס אדער אלע עפל וואלט אויסגעקוקט ווי פאטעטעס. מען וואלט נישט געווען אינטערעסירט עס צו עסן. דעריבער האט הקדוש ברוך הוא געמאכט די פרוכט אזוי הערליך קאלירט כדי זיי זאלן ציען די אויפמערקזאמקייט און מען זאל האבן א גרעסערן געשמאק ווען מען עסט עס.

אבער וואס טוט זיך מיט פאטעטעס? הקב"ה האט נישט געוואלט געבן קיין קאליר פאר די פאטעטעס ווייל אויב וואלט עס געווען הערליך קאלירט וואלט מען זיי געקענט עסן רויערהייט און מען וואלט געווארן קראנק. ווגען דעם זענען פאטעטעס א מילדע, פשוטע קאליר; כדי מען זאל האבן געדולד און אויסווארטן ביז מען ענדיגט עס אפקאכן. אבער עפל האבן א הערליכע קאליר, וואס מיינט "עס מיר תיכף ומיד! איך בין גרייט דיר צו מהנה זיין."

יעצט ווען מען זעט דאס, דאס איז בחינה. ס'איז קוקן אויף די וועלט ארום דיר און זען דעם אויבערשטן איבעראל. דאס איז איינס פון די וויכטיגסטע פונקציעס אין דער וועלט.

איז דער מענטש האט געפרעגט א קשיא. זאלן מיר לערנען בחינה פון אונזער אייגענע שכל אדער דארפן מיר גיין צו ביבליאטעקן צו ליינען ביכער, אדער אפשר אנדערע פלעצער, צו באקומען אינפארמאציע אויף ענינים צו לערנען "בחינה"?

און דער ענטפער איז, דער בעסטער מקור פון בחינה איז דיין אייגענע צוויי אויגן, דיין אייגענע שכל הישר. די וועלט איז פול מיט גוטע זאכן וואס זאגן עדות צו הקדוש ברוך הוא. "טוב יצר כבוד לשמו" – דער גוטער באשעפער האט באשאפן די אלע כבוד פאר זיין נאמען. "הכל יודוך" – אלעס אין די וועלט לויבט דיר, "והכל ישבחוך" – אלעס הייבן אויף די כבוד פון השי"ת. מען

דארף נאר עפענען די אויגן. אויב מען עפנט נאר די אויגן, וואו מען דרייט זיך נאר, טרעפט מען 'שפייז פאר די מחשבה' פאר דעם געוואלדיגן נושא פון בחינה.

מען קען אפילו בלויז קוקן אויף די אייגענע הענט און שטוינען אויף די סדר פון די געלענקן אין די פינגער. ווען דו בייגסט דיינע פינגער אויף אריין, צו שפירסטו סיי-וועלכע וויטאג פון די ביינער בשעת זיי רייבן זיך איינער קעגן דעם צווייטן? מען הערט בכלל נישט קיין קול. דאס איז א שלימות'דיגע ארבעט! ס'איז באשמירט אין אזא וועג אז די ביינער רייבן זיך נישט אויס דורכ'ן זיי כסדר בייגן.

און פארוואס קען זיך די פינגער בלויז בייגן אויף אריין און נישט אויף ארויס? פינגער קען מען נישט ארויסבייגן, נאר דעם וועג גייט עס. איז דאס נישט קיין מערקווירדיגע זאך? די סיבה איז ווייל ווען מען האלט עפעס אויף די הענט, אויב די פינגער וואלטן זיך געקענט בייגן די אנדערע וועג, וואלט עס אראפגעפאלן. אבער יעצט קען מען האלטן די פינגער שטייף; עס ווערט פעסט פארשלאסן אין פלאץ און עס קען זיך נישט דרייען אין קיין שום ריכטונג, בלויז אויף ארויף. מען שטודירט דאס און מען הייבט אן זען וואונדער אויף וואונדער.

מען דארף נישט קיין ביכער דערפאר. **די וועלט איז פול מיט חכמה**. נוצט אייער אויגן און איר וועט קענען אנטדעקן הקב"ה ווי אברהם אבינו האט. ער איז נישט געגאנגען צו די ביבליאטעק. אברהם האט געקוקט אויף דער וועלט און ער האט אנערקענט הקב"ה דורך זיינע אויגן און שכל הישר. "הכיר את בוראו" – ער האט אנערקענט השי"ת אן קיין ביבליאטעקן און דאס האט אים געמאכט גרויס. און יעדער איינער קען טון די זעלבע זאך. (טעיף 639#)

## שאלה

## וואסערע פראקטישע עצה קען געגעבן ווערן פאר א בן תורה, אדער סיי-ווער, אים צו העלפן אויפבויען זיין זעלבסט-זיכערקייט?

## ענטפער:

זעלבסט-זיכערקייט דארף ווערן אויפגעבויט אויפ'ן באזיס פון א ריכטיגע פארשטאנד – און א ריכטיגע פארשטאנד מיינט ווען מענטשן פארשטייען די נושא פון לעבן. ווען מען פארשטייט נישט וואס עס איז וויכטיג אין לעבן, ווערט מען אסאך מאל פרוסטריט, ווייל מען איז מקנא אויף זאכן וואס איז ווערטלאז. מען האט א סטאנדארט וואס איז באדייטלאז און מען ערלויבט זיך צו ווערן מיואש ווייל מען דערגרייכט נישט צו דעם פלאץ.

אבער לאמיר זאגן דו לערנסט און דו פארשטייסט ווי וויכטיג עס איז צו קענען תורה. לאמיר זאגן דו לערנסט א פרק גמרא און דו קענסט עס גוט אינעווייניג; דו קענסט עס זאגן אן קיין אפשטעל. מעגליך אפילו צוויי אדער דריי פרקים. דאן ווייסטו אז דו ביזט עפעס! בשעת דו שפאצירסט אויפ'ן גאס, ביזטו "משכמו ולמעלה", דו ווייסט אז דו ביזט עפעס; פון די פלייצע און ארויף, דו ביזט העכער פון יעדן איינעם. עס מאכט נישט קיין חילוק וואס אנדערע טראכטן ווייל דו ווייסט וואס איז **באמת וויכטיג** און דאס גיבט דיר זעלבסט-זיכערקייט.

אבער אויב ווייסטו נישט וואס תורה מיינט, אויב דו שעצט נישט די גרויסקייט פון תורה, דו קענסט אפילו זיין א גרויסער למדן און דו שפירסט זיך נאך אלץ מינדערוויכטיג צווישן עמי הארץ. דו קענסט זיין א גרויסער עובד השם, אבער אויב דו שעצט נישט דיין גרויסקייט וועסטו נישט האבן קיין זעלבסט-זיכערקייט. עס איז וויבאלד דו האסט נישט קיין ריכטיגע **מעסטונג**. ווען מענטשן ווייסן אז ערליכקייט, אנשטענדיגקייט, אמת, איידלקייט, חסד און יראת שמים זענען העכער אלעם, אז זיי זענען די צירונג פון א מענטש'נס כאראקטער, דאן קענען די מענטשן האלטן זייערע קעפ הויך מיט שטאלץ וויסנדיג אז זיי זענען די וועלכע ווערן פאררעכנט אלס וויכטיג אויף דער וועלט.

דערפאר, זעלבסט-זיכערקייט דארף געבויט ווערן אויף ווירדן. מען דארף לערנען די אמת'ע ווערד, און שטרעבן זיי צו קונה זיין. אויב דו ביזט א איד, זאל דאס זיין **די ערשטע יסוד פאר זעלבסט-זיכערקייט**: "איך בין פון דעם עם השם!" אויב איינער האט קיינמאל נישט געלערנט זיך צו שעצן אלס א איד, וועט ער זיין שעמעדיג; ער וועט פרובירן צו באהאלטן זיין אידענטיטעט צווישן די אומות העולם, ווען ער קומט צווישן גוים אדער צווישן אומרעליגיעזע אידן. אבער ווען עמיצער שעצט וואס איז וויכטיג, ווען ער לערנט וואס עס מיינט צו זיין אויסדערוועלט, די בחירי השם – די כהנים פון הקב"ה, די וועם דער אויבערשטער האט ליב און האט זיי אויפגעהויבן העכער אלע פעלקער, "אשר בחר בנו מכל העמים, ורוממתנו מכל לשון" – ער האט אונז אויסגעוועלט פון צווישן אלע פעלקער; איינמאל א מענטש פארשטייט דאס, האט יעדער איד א סיבה צו זיין שטאלץ. בלויז די וועלכע פארשטייען עס נישט, זיי האבן נישט די ריכטיגע מעסטונג, זענען די וועמען עס פעלט זעלבסט-זיכערקייט. (טעיף 598#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com